**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/21/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט ערשטע פאזע פון נייע 750 מיליאן דאלערדיגע 'וואדסווארט' פובליק געזונטהייט לאבאראטאריע

***נייע לאבאראטאריע וועט הייבן גרייטקייט פאר צוקונפטיגע פובליק געזונטהייט קריזיס, האלטן וויסנשאפטלער פון העכסטן ראנק***

***גרעסטע סטעיט פובליק געזונטהייט לאבאראטאריע אין די פאראייניגטע שטאטן איז קריטיש-וויכטיג אין קאמף קעגן קאָוויד***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז איז אויסגעטיילט געווארן אן ערשטע אויסטטיליזירונג קאנטראקט אפירצובערענגען דאס שאפן א נייע 750 מיליאן דאלערדיגע טעכנאלאגיש פארגעשריטענע פובליק געזונטהייט לאבאראטאריע אינ'ם הערימען סטעיט אפיס קאמפוס קאמפלעקס אין אלבאני צו סערווירן ניו יארק סטעיט'ס פובליק געזונטהייט געברויכן.

"'וואדסווארט' האט געדינט אלס אן אלוועלטליכער פירער אין קאָוויד פארשונג דורכאויס דער פאנדעמיע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק שטאלצירט זיך צו שטיצן 'וואדסווארט' וויסנשאפטלער און פובליק געזונטהייט מומחים מיט דאס אנטוויקלען א נייע ערשטראנקיגע לאבאראטאריע איינריכטונג אויף ווייטער פארצוזעצן זייערע קריטיש-וויכטיגע פארשונג און געפינסן. מיר ווערלן ווייטער פירן דעם וועג אין אינוועסטירן אין די בעסטע וויסנשאפטליכע מבינות און טעכנאלאגיש פארגעשריטענע איינריכטונגען צו שטיצן אונזער גרייטקייט פאר צוקונפטיגע פובליק געזונטהייט קריזיסן, און צוציען און האלטן די בעסטע וויסנשאפטלער אין דער וועלט דא אין ניו יארק."

די געמיינזאמע אונטערנעמונג פון גילבעין און טורנער אין צוזאמארבעט מיט דער אויסטטיליזירונג פירמע HOK איז אויסגעוועהלט געווארן פאר'ן אויסטטיליזירן און בויען א נייע 'וואדסווארט' לאבאראטאריע וואס וועט זוכן צוזאמצוברענגען אויף איין ארט אפעראציעס איצט פארשפרייט איבער עטליכע קאפיטאל ראיאן איינריכטונגען. דער קאנטראקט וועט באשטיין פון עטליכע פאזעס: די ערשטע אינוועסטירונג וועט אויסזוכן אפציעס פאר א נייע באזיס פון אויסטטיליזירונג, פון טיילווייזע ביז פולקאמע קאנסאלידאציע פון 'וואדסווארט' איינריכטונגען, מיט א ספעציעלע בליק אויף פארשטערקערן דעם סטעיט'ס גרייטקייט צו ווירקזאם זיך אפרופן צו פאטענציעלע צוקונפטיגע פובליק געזונטהייט קריזיס.

די 'וואדסווארט' לאבאראטאריע, וואס שפילט א צענטראלע ראלע אין באקעמפן דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, פאקסירט זיך אויף ברייטע ריי קריטיש-וויכטיגע פובליק געזונטהייט זארגן, אריינגערעכנט זיך אפרופן צו פובליק געזונטהייט דראונגען, שטודירן אויפשטייגנדע אינפעקציעס, אנאליזירן ענווייראנמענטאל אויסגעשטעלטקייט, און לייסענסינג קלינישע און ענווייראנמענטאלע לאבאראטאריעס, צווישן פילע אנדערע קריטיש-וויכטיגע פאראנטווארטליכקייטן. זינט איר אנהייבן פון אנטוויקלען אנשטעקיגע קרענק באהאנדלונגען אין 1901 און דאס אנטוויקלען די דיוויזיע פון לאבאראטאריעס און

פארשונג אין 1914, איז דער ׳וואדסווארט׳ צענטער געשטיגן צו ווערן דער גרעסטער און מערסט פארשידנארטיגע סטעיט פובליק געזונטהייט לאבאראטאריע אין די פאראייניגטע שטאטן.

**דארמיטארי אויטאריטעט פון סטעיט ניו יארק פרעזידענט און CEO רובען מעקדעניעל דער דריטער האט געזאגט,** ״די וויכטיגקייט פון די ׳וואדסווארט׳ לאבאראטאריע׳ס מיסיע איז קיינמאל נישט קלארער געווען. די דארמיטארי אויטאריטעט פון סטעיט ניו יארק שטאלצירט זיך צו ארבעטן אינאיינעם מיט׳ן העלט דעפארטמענט צו אנטוויקלען וואס וועט זיין א פירנדע איינריכטונג צו אדרעסירן ניו יארק׳ס פובליק געזונטהייט געברויכן.״

**סטעיט העלט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״אלס ניו יארק סטעיט׳ס נאציאנאל-אנערקענטע פובליק געזונטהייט לאבאראטאריע איז דער ׳וואדסווארט׳ צענטער אייגנארטיג צוגעפאסט זיך אפצורופן צו פובליק געזונטהייט עמערדזשענסיס ווי געצייגט דורכאויס דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. די אנהייבן אינוועסטירונג פארזיכערט דאס בויען א טעכנאלאגיש פארגעשריטענע לאבאראטאריע פארצוזעצן און פארשטערקערן די גענויע אנאליז פון קרענק פראבקעס און ענווייראנמענטאלע סעמפלס צו באשיצן די געזונט פון אלע ניו יארקער.״

**סטעיט סענאטאר נעיל ברעסלין האט געזאגט,** ״מיר האבן געזען ערשט-האנטיג די אינטעגראלע ראלע וואס דער ׳וואדסווארט׳ לאבאראטאריע האט געשפילט אין העלפן אונז באקעמפן דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. אינוועסטירן אין אונזערע פובליק געזונטהייט גרייטקייט איז קיינמאל נישט געווען וויכטיגער, און דערפאר איז דאס פארשאפן געלטער פאר דער נייער 750 מיליאן דאלערדיגער ׳וואדסווארט׳ פובליק געזונטהייט לאבאראטאריע אין דעם היי-יעריגן בודזשעט קריטיש-וויכטיג. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר איר פלינקע אקציע אין אויסמעלדן דעם פאזע איינס אויסטיילונג כדי אז מיר זאלן קענען הייבן ניו יארק׳ס גרייטקייט פאר צוקונפטיגע פובליק געזונטהייט פאדערונגען.״

**אסעמבלי-מיטגליד פעטרישע פעהי האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך זייער צו זען די אנטשלאסנקייט צוצושטעלן פאר דער וועלט-בארימטער ׳וואדסווארט׳ לאבאראטאריע פאסיגע טעכנאלאגיש פארגעשריטענע לאבאראטאריעס. איך קוק ארויס אויף צו ארבעטן אויף צו פארזיכערן אז די דאזיגע אינוועסטירונג איז דער הויפט מיטל אויף אויסצוניצן מער וויסנשאפט און פארשונג אינוועסטירונג אונז גיך ארויפצוציען צו א קאפיטאל ראיאן דריי-עקיגע פארשונג ארט, וואס וועט זיין פלאצירט אין אן איבערגעביטענע מזרח הערימען קאַמפּוס, פולשטענדיג איינגעגלידערט מיט דער שטאט אלבאני. אנטוויקלען אן ערשטראנקיגן וויסנשאפטליכן עקא-סיסטעם אין סאמע צענטער פון דעם קאפיטאל ראיאן קען נישט זיין מער פאסיג, מיט דער הינטערגרונד פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, און איך לויב גאווערנער קעטי האוקול, געזונטהייט קאמיסיאנערין מערי באסעט, קאפיטאל ראיאן קאלעגעס און פירער, און פילע אנדערע פאר זייער ארבעט אויף דעם פראיעקט.״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאן טי. מעקדאנעלד דער דריטער, RPh, האט געזאגט,** ״די היינטיגע מעלדונג דורך גאווערנער האוקול ווי עס באציעט זיך צו דער ערשטער פון פילע קאנטראקטן פארבינדן מיט קאנסטרוקציע אויף דער נייער ׳וואדסווארט׳ לאבאראטאריע איז באגייסטערנדע נייעס פאר׳ן קאפיטאל ראיאן. די צייט האט געצייגט אז דער ׳וואדסווארט׳ פובליק געזונטהייט לאבאראטאריע איז כסדר געווען א פארלעסליכע און ענדגילטיגע קוואל פאר אויספארשונג און אלע באשטאנדטיילן פארבינדן מיט פובליק געזונטהייט. דער טריט איז נישט נאר נוגע דעם קאפיטאל ראיאן נאר אויך דעם סטעיט, דעם לאנד, און דער וועלט. דער אפרוף אויף קאָוויד-19 איז בלויז איינס אין א לאנגע היסטאריע פון פובליק געזונטהייט אפרופן איבער׳ן לאנד׳ס היסטאריע און עס פריידט מיך צו זען אונזער לאנג-יעריגע שתדלנות אויף אנצוהאלטן און מאכן וואקסן א טעכנאלאגיש פארגעשריטענע איינריכטונג דא אין דעם קאפיטאל ראיאן ברענגט ענדליך ווירקליכע רעזולטאטן.״

**אלבאני מעיאר קעטי שיהען האט געזאגט,** ״איך בין גאר דאנקבאר גאווערנער האוקולען פאר׳ן נעמען דעם וויכטיגן נעקסטן טריט צו שאפן א נייער ׳וואדסווארט׳ לאבאראטאריע אויפ׳ן הערימען קאמפוס. דער טראנספארמירנדער פראיעקט וועט שאפן נייע צייטווייליגע און קביעות׳דיגע דזשאָבס, און האלטן דעם וויכטיגן פובליק געזונטהייט לייזונגס-מיטל דא אין ניו יארק׳ס הויפט שטאט. קאנסאלידירן לאבאראטאריעס אויף איין ארט וועט ערמעגליכן מער צוזאמארבעטשאפטן אויף פארצוזעצן ווייטער די וויכטיגע ארבעט אין דעם קאמף קעגן קאָוויד און ערמעגליכן אפעראציעס ביי ׳וואדסווארט׳ ווייטער אנצוהאלטן און זיך פארברייטערן אויף צו שטודירן און זיך אפרופן צו אנדערע קריטיש-וויכטיגע פובליק געזונטהייט דראונגען, אינפעקציעס און ענווייראנמענטאלע ריזיקעס. איך וויל אויך אפגעבן א ספעציעלן דאנק צו אונזער קאפיטאל שטאט דעלעגאציע פון סענאטאר ברעסלין און אסעמבלי-מיטגלידער פעיהי און מעקדאנעלד פאר העלפן פארשאפן די 750 מיליאן דאלער נויטיג פאר דער קריטיש-וויכטיגער אינוועסטירונג אין דעם גרעסטן און מערסט פארשידנמיניגע פובליק געזונטהייט לאבאראטאריע אין דעם לאנד.״

**אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו דעניעל פי. מעקאוי האט געזאגט,** ״נישט נאר איז ׳וואדסווארט׳ געווען קריטיש-וויכטיג פאר אונזער אפרוף צו קאָוויד-19 ווי אויך צו דאס שטודירן אנדערע אנשטעקיגע אויסבראכן ווי למשל זיקע און עבאָלע, נאר אויך דאס אינוועסטירן אין דעם אנטשטאלט איז א ריזיגע זיג פאר אונזער ארטיגער עקאנאמיע און דאס שאפן הויכע-געניטשאפט און גוט-באצאלטע דזשאָבס. דער פאראייניגונג פראיעקט וועט האבן א פיל-פאכיגער ווירקונג צו ערמעגליך פאר דער לעבנס-וויסנשאפט אינדוסטריע צו שטייגן דא אין אלבאני קאונטי, וועלכע וועט דינען אויף צוציען אנדערע אינ׳ם צוקונפט, אריינגערעכנט דאס אנטוויקלען און פאבריצירן מעדיצינישע אויסריכטונגען, אקאדעמישע מעדיקעל צענטערס און נאך. איך וויל דאנקען גאווערנער האוקול פאר איר וויזיע און פאר דער אויסגעצייכנטער אינוועסטירונג אין אונזער קאמיוניטי.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418